**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט דער 2022 סעזאן עפענונג לעגא-לענד ניו יארק רעזארט אין אראנדזש קאונטי

***גאשען טעמע-פארק׳ס ערשטע פולער סעזאן וועט אנבאטן נייע פארקומענישן, פארשטעלונגען און אטראקציעס***

***אויסמעלדונג דערגאנצעט סטעיט׳ס באמיאונגען איבערצובויען און אויפצולעבן ניו יארק סטעיט׳ס טוריזם אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דעם 2022 סעזאן עפענונג פון לעגא-לענד ניו יארק רעזארט אין גאשען, אראנדזש קאונטי. דאס וועט זיין דעם טעמע-פארק׳ס ערשטער פולער סעזאן נאכ׳ן זיך עמטליך עפענען אין יולי 2021. היי־יאר, טוט לעגא-לאנד ניו יארק רעזארט אנבאטן פאר געסט א פולקאמע רשימה פון דערהייטערנדע פארקומענישן, אריינגערעכנט איר ערשטער יולי 4 פייער-וואורקס. נייע פארוויילונגס ערטער — אריינגערעכנט דעם לעגא שטאט וואסער שפיל פלאץ — זענען באשטימט זיך צו עפענען דעם זומער, און צושטעלן פאר געסט א פערפעקטן אינזל פון פארגעניגנס פאר א הייסן, זומערדיגן טאג, ווי אויך א געלעגנהייט צו בויען און זיך פארמעסטן מיט זייער אייגענעם לעגא שיפל.

״מיר זענען גאר שטארק דערפריידט אויפצונעמען רייזנדע פון איבער׳ן גאנצן סטעיט און דער וועלט אזוי ווי לעגא-לאנד ניו יארק רעזארט עפענט זיך פאר׳ן סעזאן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אייגנארטיגע, פאמיליע-גינציגע דעסטינאציע איז געווען א גרויסע שטיצע פאר דער ארטיגער עקאנאמיע און איז אן איינגעגלידערטע טייל פון דער סטעיט׳ס טוריזם אינדוסטריע. דער צוקונפט איז א ליכטיגער פאר לעגא-לאנד ניו יארק און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו פילע סוקסעספולע סעזאנען צו קומען בשעת מיר זעצן פאר ווייטער אונזערע עקאנאמישע אומקער פון קאָוויד-19.״

**סטעפאני דזשאנסאן, לעגא-לאנד ניו יארק רעזארט אפטייל דירעקטארין, האט געזאגט,** ״עס איז דא אזוי פיל באגייסטערונג ארום פאמיליע רייזן היי-יאר, און מיר קענען קוים ווארטן אויף צו בויען פאנטאסטישע דורכלעבענישן פאר אונזערע געסט דעם סעזאן. מיר האבן געזען שטארקע פארלאנג פאריגעס יאר, אפילו מיט אונזער ביסלעכווייזע עפענונג, און מיר ערווארטן צו בויען אויף די מאמענטום אין אונזער ערשטער פולער סעזאן בשעת מיר נעמען אויף פאמיליעס אויף דורכצולעבן אלץ וואס אונזער רעזארט האט אנצובאטן.״

באגייסטערונג פאר דעם נייעם סעזאן ביי לעגא-לאנד ניו יארק רעזארט זעצט פאר ווייטער צו שטייגן, וואו דער 250-צימערדיגן לעגא-לאנד האטעל איז שוין אויספארקויפט פאר רוב דאטומען אין אפריל. דער האטעל, געאייגנט און געבויט פאר קינדער, איז געווען פאפולער מיט פאמיליעס פאראיאר, אפערירנדיג באלד ביזן מאקסימום צווישן אוגוסט און נאוועמבער. יעדע פון דער האטעל׳ס פול לעגא-טעמעדיגע

צימערן וועלן פיגורירן א באזונדערע קינדער שלאף ארט, מיט טעגליכע קינדער ׳ענטערטעינמענט׳ און א זוך-און-טרעף שפיל פאר לעגא פרייזעס — אלע הארט נעבן דעם טעמע-פארק..

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אמטירנדע-קאמיסיאנערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע CEO האופ נייט האט געזאגט,** ״טוריזם איז העכסט-נויטיג פאר דער עקאנאמישער לעבהאפטקייט פון ניו יארק סטעיט, און דער פאנדעמיע האט גוט באקלאפט דער אינדוסטריע סיי אין אין-לאנדישע און אינטערנאציאנאלע מארקעטס. דאס זיך פרייען מיט לעגא-לאנד׳ס ערשטע סעזאן אין ניו יארק פארטרעט פילע פון די פאזיטיווע צייכענונגען וואס מיר בויען איבער און ערהוילן זיך פון דער קאָוויד-19 קריזיס און אויפלעבן דער אינדוסטריע וואס שטיצט אזויפיל דזשאָבס און ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט.״

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט איז דער פערפעקטער דעסטינאציע פאר פאמיליע פארוויילונגען, און ׳איי לאָוו ניו יארק׳ איז באגייסטערט איינצולאדנען און אויפנעמען באזוכער צו קומען און זיך באטייליגן אין דעם אלעם. לעגא-לאנד ניו יארק רעזארט, וואס געפונט זיך אין דעם סצענישן הודסאן וואלי, איז גיך געווארן א טוריזם הויפטפונקט פאר׳ן גאנצן סטעיט. מיט אזוי פיל פאמיליעס וואס פלאנירן מיט חשק א וואקאציע, שטאלצירן מיר זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט דעם ערשטראנקיגן ארט צו לאזן אין גאנג א זעלטענע דורכלעבעניש וואקאציע סעזאן וואס וועט איבערשטייגן ערווארטונגען.״

די היינטיגע אויסמעלדונג דערגאנצעט די סטעיט׳ס באמיאונגען איבערצובויען טוריזם און גאסט-פריינטליכקייט לענגאויס ניו יארק. די טוריזם אינדוסטריע איז געווען צווישן די שווערסטע באטראפן דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, וואו עס זענען פארגעקומען באדייטנדע פארלוסטן אין באזוכענישן, דירעקט אויסגאבן און עקאנאמישע אימפאקט. אין נאוועמבער האט גאווערנער האוקול אנאנסירט דעם ׳ברענגט צוריק טוריזם, ברענגט צוריק דזשאָבס׳ ארייננעמיגע ערהוילונגס פעקל, מיט געצילטע פראגראמען און אונטערנעמונגען געאייגנט אויף צו שטיצן די אינדוסטריע׳ס עקאנאמישע איבערבוי.

אין צוגאב, בלייבט לעגא-לענד ניו יארק אנטשלאסן צו בילדונג, אנבאטן גאנץ-יאריגע בילדונג געלעגנהייטן פאר סקול-עלטער קינדער לענגאויס דעם ראיאן, מיט פראגראמען וועלכע פאקוסירן אויף וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינזשינערונג, קונסט, און מאטעמאטיק בילדונג. דער טעמע-פארק ברענגט אויך באדייטנדע קאמיוניטי בענעפיטן צו דעם טאון גאשען. לעגא-לענד ניו יארק איז אנטשלאסן צו באצאלן פאר׳ן טאון אן אויפנאם קאמיוניטי אפצאל, לויט די צאל אנטיילנעמער, פון וויניגסטנס 520,000 דאלער דעם ערשטן יאר און זיך העכערן יעדעס יאר דערנאך פאר 30 יאר, אן קיין מאקסימום אויף באצאלונגען. דער טעמע-פארק וועט אויך האלטן צווי קאמיוניטי טעג פאר׳ן טאון פער יאר, מיט 50 פראצענט טיקעט פארקויפונגען אויף יענע טעגביישטייערט צו גאשען-באזירטע צדקה צוועקן.

**סטעיט סענאטאר מייק מארטוטשי האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אז לעגא-לאנד ניו יארק איז עמטליך אפן פאר׳ן 2022 סעזאן, און נאך מער מיט׳ן פאקט אז עס איז אפן פאר א פולער סעזאן צום ערשטן מאל. לעגא-לאנד איז א באנייטע טוריסט ארט נישט נאר פאר מיין דיסטריקט און אונזער סטעיט, נאר עס טראגט אויך א פאן פון אינטערנאציאנאלע בארימטקייט און לוסטיגקייט. דער מאנשאפט ביי לעגא-לאנד האבן געטון א מעכטיגע דזשאָב אין צוגרייטן א באגייסטערדיגן סעזאן, און איך קען נישטווארטן צו נעמען מיין אייגן פאמיליע פאר א פאנטאסטישן טאג פון לוסטיגקייט און באגייסטערונג.״

**אסעמבלימאן קאלין דזשעי. שמידט האט געזאגט,** ״דער ערשטער סעזאן פון לעגא-לאנד איז אנגעקומען! דאס איז גאר גוטע נייעס פאר פאמיליעס פון לענגאויס אונזער ראיאן, אריינגערעכנט מיין אייגנס, וועלכע קוקן ארויס מיט חשק הנאה צו האבן פון א טאג אין דעם פארק. לעגא-לאנד איז געווען א שטארקע צוזאמארבעטער פאר אראנדזש קאונטי אין טרייבן טוריזם און עקאנאמישע לעבהאפטקייט און איך קוק ארויס צו פילע יארן פון עקאנאמישע ערפאלג און פאמיליע פארגעניגן.״

**אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו סטיווען עם. ניוהאוז האט געזאגט,** ״לעגא-לאנד האט געשאפן באגייסטערונג אין דער קאמיוניטי, און עס פריידט אונז זייער ארויסצוקוקן צום ערשטן סעזאן אין אראנדזש קאונטי. דער טעמע-פארק איז געווען א הויפט עקאנאמישע ציאונגס-מיטל פאר׳ן ראיאן און האט געשאפן א פאנטאסטישע דורכלעבענישן פאר טויזנטער קינדער און זייערע פאמיליעס. איך קוק ארויס אויף ווייטער צו ארבעטן מיט לעגא-לאנד אין דעם צוקונפט און צוזען דאס בליען פון דער קאונטי׳ס טוריזם אינדוסטריע.״

**גאשען טאון סופערווייזער דזשאסעף בעטרא האט געזאגט,** ״מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט לעגא-לאנד אויף צו שאפן א פארק וואס יעדער וועט פון דעם געניסן. מיר זענען אנטשלאסן צו דעם פראיעקט און ערווארטן די אנגייענדע ערפאלג אין דעם צוקונפט.  איך שפיר אז דאס וועט זיין א טובה פאר אונזערע איינוואוינער און ביזנעסער אין דעם טאון אָוו גאשען.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()